# צום פינטל

גליון קצ"א

ראה תשפ"ו

יידיש

## עד בלי די

„והריקותי לכם ברכה עד בלי די".

לויטן פשוטן פשט, מיינט „בלי די" אן קיין גבול, אן קיין שיעור, אן קיין סוף. דער אויבערשטער עפנט די ארובות השמים און גיסט א ברכה אויף א מענטש, ביז זיינע כלים קענען עס שוין נישט ארייננעמען. חז"ל זאגן: „עד שיבלו שפתותיכם מלומר די" — ביז אייערע ליפן וועלן אויסגעמאטערט ווערן פון זאגן: גענוג. די ברכה קומט פון אלע זייטן, און דער מענטש שרייט: גענוג, גענוג! אבער דער שפע הערט נישט אויף. ער זאגט גענוג, און ס'קומט נאך. ער זאגט נאכאמאל גענוג, און ער כאפט נאך א גיס. נאך גוטס ווערט אויסגעגאסן אויף אים.

ס'שטעלט זיך א פשוטע קשיא? חז"ל זאגן: „יש לו מנה רוצה מאתים, יש לו מאתים רוצה ארבע מאות." ווער עס האט הונדערט, וויל צוויי הונדערט; ווער עס האט צוויי הונדערט, וויל פיר הונדערט. ווי מער א מענטש באקומט, אלץ מער וויל ער. די ערשטע הונדערט זעטיגט אים נישט; עס ווערט בלויז דער אנהייב פאר די צוויי הונדערט. ווען ער קומט אן צו צוויי הונדערט, ווערט דאס דער קרן פאר די קומענדיגע פיר הונדערט. אויב אזוי, ווי קען דער נביא זאגן אז דער גרויסער ריבוי ברכה וועט ברענגען דעם מענטש צו „גענוג?"

דער אמרי אמת זאגט אויף דעם א נפלא'דיגן חידוש. עשירות וואס קומט דורך מעשר און צדקה שאדט נישט. געווענליכע עשירות קען שאדן דעם מענטש, ווייל צוזאמען מיטן געלט פארברייטערט זי אויך דעם אפעטיט, דעם רעבון. אבער עשירות וואס קומט דורך צדקה איז אן אנדער סארט עשירות. זי קומט צוזאמען מיטן כח צו זאגן: גענוג.




דאס הייסט, דאס געלט אליין באקומט אן אנדערע חיים. צוויי מענטשן קענען האבן די זעלבע נכסים, די זעלבע הכנסה, אפילו די זעלבע באנק־חשבון, און דאך איז איינער הונגעריג און דער צווייטער זאט. דער ערשטער זעט אין אלעס וואס ער האט נאר א הכנה צו וואס עס פעלט אים נאך. יעדע רווח ווערט גלייך דער יסוד פארן קומענדיגן רווח. אבער דער צווייטער קען שפירן אז די טובה וואס ער האט שוין באקומען שטייט שוין פאר זיך אליין. געווענליכע עשירות געבט א מענטש הונדערט און וועקט אין אים דעם רצון צו צוויי הונדערט. עשירות וואס קומט דורך צדקה געבט אים הונדערט, און צוזאמען דערמיט געבט זי אים א הארץ וואס קען זאגן: איך האב פארדינט, איך האב באקומען, איך האב גענוג.

באמת זענען דא צוויי סארטן „גענוג". איין מענטש זאגט „גענוג" ווייל דער שפע איז שוין צו שווער אויף אים: איך קען שוין נישט מקבל זיין מער, מיינע כלים קענען עס נישט האלטן. אבער עס איז דא א טיפערער און שטילערער „גענוג": איך דארף נישט מער. א „גענוג" פון מנוחה, פון זאטקייט. ער זיצט געשמאקט אין דאס וואס ער האט באקומען און זאגט: ברוך השם, איך האב. דאס איז מיר גענוג.

דער חשק שלמה (מן המדקדק ר' שלמה פפנהיים) ערקלערט אז „די" אין לשון קודש, מיינט שלימות פון סיפוק: ווען עס פעלט שוין גארנישט, הייסט עס „די". „די מחסורו", „אכול דיך",

„והמלאכה היתה דים" — דער צורך איז שוין אנגעפילט, דער חסרון איז שוין נישט דא. און ער לייגט צו אז דאס איז אויך פארבונדן מיטן שם „שדי": דער אויבערשטער, כביכול, האט בשלימות די כוח פון „די", עס פעלט אים גארנישט. „שדי באלוקתו לכל באי עולם".

דאס מאכט ליכטיג דעם גאנצן ענין. א מענטש קען נישט אליין שאפן א שלימות'דיגע „די". א שלמות'דיגע „גענוג". זיין טבע זעט אלעמאל נאך א מעגליכקייט, נאך א צורך, נאך א סכנה, נאך א מדרגה. זאטקייט איז נישט ווען מ'איז אנגעקומען צו א גרויסע דערגרייכונג. עס איז א ברכה וואס דער אויבערשטער לייגט אריין אין הארץ. די טיפע מנוחה, די כח צו שפירן אז ס'פעלט אים נישט נאך, דאס איז א מתנה מן השמים.

דאס איז דער עומק פון „איזהו עשיר? השמח בחלקו." מענטשן מיינען אז דאס ווי א נחמה, נעבעך ער קען נישט באקומען מער. ער האט נישט קיין ברירה. זאל ער כאטשיג זיין פרייליך מיט וואס ער האט.

אבער חז"ל זאגן. דער אמת'ער עשיר איז נישט דער מענטש וואס האט נישט קיין מעגליכקייט צו מער. ער איז א עושר, ער ווייסט גוט די וועג צו צוויי הונדערט. אבער זיין חיות הענגט נישט דערין. ער קען זאגן: די הונדערט וואס איך האב שוין באקומען איז אויך לעבן. דא איז אויך דא א וועלט. איך דארף נישט שלינגען דעם קומענדיגן זאך כדי צו שפירן אז איך עקזיסטיר.

דאס איז אן אנדער סארט לעבן. דער געווענליכער מענטש לעבט פון וואס עס פעלט אים. די רווח וואס קומט דאס וועקט אים אויף אינדערפרי, דאס געבט אים האפענונג, דאס מאכט אים שפירן אז באלד, נאך אביסל, וועט ער אנהייבן צו לעבן. דעריבער, ווען מען זאגט אים: זאג 'די', זאג 'גענוג', הערט ער נישט אין דעם קיין מנוחה. אדרבה, ער הערט אין דעם כמעט ווי א גזירת מיתה. ער האט מורא אז אויב ער וועט ווערן שמח בחלקו, וועט ער פארלירן זיין חשק, זיין אימביציע, זיין טעם אין לעבן. ער האט מורא נישט נאר צו פארלירן געלט, נאר צו פארלירן דעם רעבון, דעם אפעטיט. די אפעטיט איז דער איינציגער מקור החיות וואס ער קען.

אבער דאס איז א טעות. א מענטש קען בויען א פשוט'ע זאטקייט, ארבעטן אויף הודאה. אנדעם וואס ער זאל פארדינען גרויסע זאכן. אן דעם וואס זיין ווערט און חיות זאל קומען פון די קומענדיגע רווח. זאטקייט הארג'עט נישט די לעבן; עס טוישט דעם מקור החיים. ביז יעצט האט ער געלעבט פון וואס ער האט נישט. פון יעצט קען ער אויך לעבן פון וואס ער האט שוין.

מען קען דאס זען אין א פשוטן משל. א בעל מלאכה בויט א שאנק. אזוי לאנג ווי די ארבעט איז אינמיטן, איז ער אנגעצויגן. עס פעלט א ברעטל, עס פעלט א פאליצע, דער שרויף איז נאך נישט שטארק, די טיר איז נישט גלייך. אבער ווען ער לייגט אריין דעם לעצטן שרויף, און ער לייגט ער אוועק די כלים, ער טרעט אביסל צוריק, ער כאפט זיין אטעם. די דאזיגע שאנק איז געענדיגט. ער איז אנגעקומען צום 'די', ער איז אנגעקומען צום „גענוג". דאס איז די טבע, די גמר ברענגט מנוחה.

אזוי אויך ביי געלט. א מענטש דארף וויסן ווי אזוי אנצוהייבן און ווי אזוי ווייטערצוגיין, און ער דארף אויך וויסן, ווי אזוי צו ענדיגן. ער דארף קענען זאגן: די רווח איז שוין אין כלל פון רווח; די הצלחה איז שוין בכלל הצלחה; די פרישע הונדערטער איז נישט בלויז די קרן פאר די קומענדיגע צוויי הונדערט, נאר דאס איז א זאך פאר זיך, א שלמות וואס איך האב באקומען. ווער עס האט נישט דא כוח צו ענדיגן, וועט קיינמאל נישט ווערן זאט. אלעס וואס קומט אריין אין אים ווערט גלייך איינגעשלונגען אינעם קומענדיגן חשבון.

אזוי לאנג ווי א מענטש איז פארנומען מיט שלינגען, קען ער נישט ארויסגעבן גארנישט. „איידי דטריד למיפלט לא בלע״: זיין גאנצע מח איז פארנומען מיט אריינברענגען נאך: נאך רווח, נאך זיכערקייט, נאך נכסים, נאך הצלחה. ער האט נישט קיין פלאץ בנפש ארויסצוגעבן. דאס איז נישט נאר קמצנות. דאס איז א מצב פון א מענטש וואס שפירט זיך נאך אלץ אינמיטן עסן. א מטבע פאר א צווייטן, שפירט זיך ווי מען נעמט אים ארויס דאס ביסן פון מויל.

אמאל איז א מענטש מצליח. א גוטע געשעפט קומט אריין, א אלטע חוב ווערט באצאלט, ער פארדינט מער ווי ער האט ערווארטעט. פלוצלינג קומט ארויס פון מויל: ברוך השם, איך בין זאט; לאמיר געבן אביסל צדקה.

וואס האט זיך געטוישט? דער ארימאן איז אויך נעכטן געווען ארעם. אפשר האט ער אויך נעכטן געקענט געבן. נאר פאר איין רגע האט זיך זיין הארץ געטוישט. דער רווח איז נאך נישט געווארן קרן פאר קומענדיגן יאג. עס איז איבערגעלעבט געווארן ווי א ברכה. ער האט געשפירט: היינט האב איך באקומען. און איינמאל ער האט אביסל געענדיגט שלינגען, איז ער געווארן מסוגל צו געבן.

דאס ברענגט אונז צו פרשת ראה. די תורה זאגט: „לא תאמץ את לבבך ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון.״ די תורה הייבט אן מיטן הארץ. רש״י זאגט, עס איז דא א מענטש וואס האט צער צי ער זאל געבן, דעריבער זאגט די תורה: „לא תאמץ את לבבך.״ נאכדעם איז דא א מענטש וואס שטרעקט אויס די האנט, אבער ער מאכט דאס צוריק צו, דעריבער זאגט די תורה: „ולא תקפוץ את ידך״.

מ'דארף פארשטיין: ווי קען די תורה באפעלן אויפן הארץ? די האנט קען א מענטש זיך צווינגען צו עפענען, אבער ווי אזוי קען מען באפעלן א מענטש נישט צו שפירן צער? אויב ער שפירט באמת אז דאס גאנצע געלט דארף ער לדוגמה, פאר זיין אייגענע עתיד, איז דאס א א אמת'ע צער. זיין הארץ זאגט אים אז מיטן געבן גיבט ער אוועק א טייל פון זיין לעבן.

דער ענטפער איז אז די תורה פארלאנגט נישט פון א מענטש צו פארגעסן זיין אייגענע לעבן. די הלכה איז: „חייך קודמין.״ א מענטש׳נס אייגענע פרנסה און די צרכים פון זיין שטוב קומען פריער, און חז״ל האבן אויך געשטעלט גבולים אז מען זאל נישט אויסגעבן מער ווי א חומש, נישט צו קומען צו עניות. די תורה פארלאנגט נישט פון אים זיך אליין אויסצוהונגערן כדי צו שפייזן א צווייטן.

אבער פונקט דא הייבט זיך אן די נסיון. אמת, חייך קודמין. אבער ווען קען איך אפמאכן אז מיין לעבן איז שוין מסודר, די 'חייך קודמין' איז שוין מסודר? ווען ענדיגט זיך דאס? אויב יעדע נייע רווח ווערט גלייך די 'קרן' פאר די קומענדיגע רווח, ווען וועט אנקומען די רייע פונעם צווייטן. ער דארף הונדערט דולר כדי צו לעבן. נאכדעם מיינט ביי אים לעבן צוויי הונדערט. נאכדעם מיינט לעבן פיר הונדערט. קומט אויס אז „חייך קודמין״ קען ווערן א תירוץ איינצושלינגען די גאנצע וועלט.

דעריבער באפעלט די תורה א קליינע מעשה, „לא תאמץ את לבבך ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון.״ צוטייל א חלק. געב מעשר. געב צדקה. שלינג נישט אלעס. מיט דעם זאגט דער מענטש צו זיין אייגענע נשמה: איך האב מער ווי דאס וואס איך מוז האלטן אין מיין האנט. נישט אלעס מוז בלייבן ביי מיר. דער מעשה אליין הייבט אן אויסלערנען דאס הארץ די שפראך פון „גענוג.״

דאס איז דער עומק פון „ובחנוני נא בזאת.״ דער אויבערשטער זאגט פאר א איד: געב צדקה און גלייב אין דער ברכה פון „גענוג״. גלייב אז נאכן געבן וועסטו נישט בלייבן מיט א חסרון. דו וועסט באקומען נישט נאר מער געלט, נאר א נייע מקור החיים. דו האסט אנגעהויבן מיט אביסל „גענוג״, און איך וועל דיר אויסגיסן „עד בלי די.״ די „גענוג״ וועט זיך נישט ענדיגן, וועסט פילען מער און מער די הרגשה פון „גענוג״. איך האב אלעס, איך בין זאט.

„נתון תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו, כי בגלל הדבר הזה יברכך ה׳ אלקיך בכל מעשך ובכל משלח ידך.״ לויט די פשוטע פשט וועט דער אויבערשטער בענטשן דיינע געשעפטן און ארבעט, און וואס די האסט געגעבן פאר א צווייטן וועט צום סוף צוריקקומען. אבער עס איז דא נאך א ברכה: נישט נאר אז מער געלט זאל אריינקומען אין טאש, נאר אז די ברכה פון „גענוג״ זאל אריינקומען אין הארץ.

דאס איז דער חידוש פונעם אמרי אמת: עשירות וואס קומט דורך מעשר שאדט נישט. די שלעפט נישט דעם מענטש פון הונדערט צו צוויי הונדערט, און פון צוויי הונדערט צו פיר הונדערט. ער באקומט עפעס א לעבעדיגע רגע אינדערצווישן. עשירות צוזאמען מיט דעם ברכה פון „גענוג״. ער קען אלעס ווייטער ארבעטן, אבער ער דארף נישט יעדן טאג ראטעווען זיין קיום דורך דעם קומענדיגן רווח.

די ספרים ערקלערן אז „די״ מיינט א גבול און א מידה, און „בלי די״ מיינט שפע העכער פון מידה, א 'אין סופית'. אבער ס'איז דא נאך א נקודה. דוקא דאס אננעמען דעם חיצוניות׳דיגן גבול, ס'איז מיר גענוג, דאס עפנט א אינערליכע שפע פון בלי גבול, אָן קיין שיעור. אזוי לאנג ווי א מענטש זוכט בלי גבול, אינדרויסן פון זיך, שפירט ער אינדערווייניג א גבול. אבער ווען ער קען זאגן אויף וואס איז אינדרויסן פון אים: דאס איז מיין חלק, און פריי זיך מיט דעם — עפנט זיך אין אים אינדערווייניג א ברייטע און אינערליכע וועלט.

דער „גענוג״ פון אינדרויסן, געבוירט דעם „בלי די״ פון אינדערווייניג. א הונגעריגע מענטש אינדערווייניג, קען האבן אסאך, אבער ער שפירט אז ער האט גארנישט. א זאטער מענטש קען האלטן זיין קליינע חלק, און שפירן אז ער האט די גאנצע וועלט.

איז צוריק צום פשט פון „בלי די״. אנהייב האבן מיר געזען א מענטש אויף וועמען שפע ווערט אויסגעגאסן ביז ער שרייט: גענוג, גענוג. דאס איז א „גענוג״ פון גרויס שפע און ברכה. אבער יעצט האבן מיר געטראפן א שטילערע „גענוג״. ער שרייט נישט. ער זיצט מיט רואיגקייט און זאגט: ברוך השם, איך האב.

ערשט זאגט דער מענטש „גענוג״ צום געלט, און נאכדעם באקומט ער דעם „בלי די״ מצד די נשמה. ער באקומט דעם כח פון גבול, ער דארף שוין נישט שלינגען אלעס. דורכדעם עפנט זיך אין אים אינדערווייניג א חיות פון אן קיין גבול. ער געבט פאר א צווייטן און אנטדעקט אז ער איז נישט געווארן חסר. ער איז געווארן אן אמת׳ער עשיר.

„איזהו עשיר? השמח בחלקו.״ נישט איינער וואס האט נישט קיין ברירה, נאר איינער וואס האט די מעגליכקייטן, אבער ער איז נישט קיין עבד צו זיי. ער פארלירט נישט די חשק צום לעבן, נאר ער באקומט לעבן פון א טיפערע פלאץ. נישט א לעבן וואס ווארט אייביג אויף די קומענדיגע צוויי הונדערט, נאר א לעבן וואס קען שפירן די הונדערט וואס איז שוין געגעבן געווארן.

דאס איז „לא תאמץ את לבבך.״ די תורה וויל נישט נאר עפענען די פארמאכטע האנט. זי וויל היילן דאס הונגעריגע הארץ. זי זאגט פארן מענטש: ענדיג אביסל שלינגען; יעצט קענסטו געבן. געב, און דו וועסט זען אז דו האסט נישט פארלוירן. געב, און דער אויבערשטער וועט דיר בענטשן. נישט נאר מיט מער געלט, נאר מיט דער גרעסטער מתנה: אז דו זאלסט וויסן אז דו האסט.

„מי שאמר לעולמו די״ — דער וואס האט געזאגט צו זיין וועלט „גענוג״, ער איז אויך דער וואס גיבט דעם מענטש די ברכה פון גענוג. א מענטש קען נישט אליין משלים זיין זאטקייט. ער שיידט אפ מעשר און עפנט אן א קליינעם טירל, און דער אויבערשטער זאגט צום אפעטיט: גענוג.

דעמאלטס קען עשירות קומען אן קיין שאדן, זי פארשפרייט נישט א אומענדליכע רעבון. זי קומט אריין אין א הארץ וואס האט גבול, מנוחה, און שמחה בחלקו.

„כי בגלל הדבר הזה יברכך ה׳ אלקיך בכל מעשך ובכל משלח ידך״ — ער וועט דיר בענטשן מיט הצלחה, ער וועט דיר בענטשן מיט שפע, און ער וועט דיר בענטשן מיטן כח צו שפירן די ברכה, צו שפירן דעם 'גענוג'.

ביז דו וועסט קענען זאגן:

**גענוג.**

און פון דעם **גענוג** ,וועט זיך עפענען פאר דיר א גאנצע וועלט פון—

**עד בלי די.**

# סיפורים

## די ערשטע כוס

**די ערשטע כוס**

ווען ער איז געווען א קליין קינד, איז טרינקען לחיים געווען א א טייל פון דער אטמאספער אין בית המדרש. שבת אינדערפרי, נאכן דאווענען, זענען געשטאנען אויפן טיש פלעשלעך. די עלטערע האבן געמאכט קידוש, געטרונקען וויין, וויסקי, זיך געוואונטשן איינער דעם צווייטן מזל טוב, לחיים, און אלע גוטע ברכות. אמאל האט ער באקומען אביסל וויין פון די כוס ביים ברית, און ווען ער איז עלטער געווארן האט ער געטרונקען א קליינע כוס ביי קידוש. אלעס איז געווען גוט, צווישן אידן, זמירות און דברי תורה. עס איז אים קיינמאל נישט איינגעפאלן אז אין דעם באקאנטן טעם ליגט ביי אים עפעס א שטערקערע משיכה ווי ביי אנדערע .

אין די ישיבה־יארן האט ער שוין פארשטאנען די חילוקים צווישן א פשוטע וויין און גוטע וויין. נאך זיין חתונה האט ער אויך אנגעהויבן פארשטיין צו פארשידענע ערליי אלקאהאליג משקאות. ער איז נישט געווען קיין שיכור, ער האט זיך נישט אנגעקוקט ווי איינער וואס האט א פראבלעם. היינט איז ער שוין א דרייסיג־יעריגער חסידישער יונגערמאן אין בורא פארק, א טאטע פון קינדער, אנגעטאן און מסודר, א ביזנעס. מענטשן האבן געוואוסט אז ער פארשטייט צו משקה, צומאל האט מען אים געפרעגט וועלכע פלאש איז בעסער, וועלכע איז כדאי צו קויפן. ס'איז געווען ביי אים א אונטערסאנטע טאפיק, ער האט הנאה געהאט פון דעם טעם, פון דער חכמה דערין, און פון דער ווארעמקייט וואס קומט נאך דער ערשטער כוס.

ביסלעכווייַז האט זיך עפעס געטוישט. אנפאנג איז טאקע נאר געווען איין כוס ביי קידוש. שפעטער, ווען ער איז אהיים געקומען, האט ער געשפירט אז ער דארף עס עפעס משלים זיין מיט נאך א כוס. אין צייטן וואס ער האט געפילט געדרוקט אין ביזנעס וכדומה, האט ער אנטדעקט אז דער משקה בארואיגט אים. נאך א וויכוח אין שטוב האט ער געטרונקען זיך צו בארואיגן; נאך א מצליח'דיגן טאג האט ער געטרונקען זיך אויסצוגעבן זיין שמחה; און אין א נאכט ווען ער האט נישט געקענט איינשלאפן, האט ער געטרונקען זיך צו דערהאלטן. יעדער כוס האט געהאט א גוטע הסבר. די צאל כוסות זענען געוואקסן.



דערנאך האט ער אנגעהויבן טרינקען באהאלטענערהייט. איין פלאש איז געשטאנען אפן אין שאנק, און א צווייטע איז געווען באהאלטן הינטער דעם. ער האט אריינגעגאסן אביסל אין א כוס, אנגעפילט די פלאש מיט וואסער כדי קיינער זאל נישט באמערקן, און אוועקגעווארפן ליידיגע פלעשער אין א גארבידזש ווייט פון שטוב.

ווען זיין ווייב האט געפרעגט צי ער האט געטרונקען, האט ער געענטפערט אז ער האט כמעט גארנישט געטרונקען. ער אליין האט האלב געגלייבט דעם ענטפער. סוף כל סוף, ער איז נישט געלעגן אין גאס, ער האט נישט פארפעלט שבת, און ער האט נישט אויפגעהערט דאווענען. אבער טיף אינעווייניג האט ער שוין געוואוסט אז ער טרינקט שוין נישט נאר ווייל ער וויל. אסאך מאל האט ער געוואלט נישט טרינקען, און דאך האט ער געטרונקען.

דער פראבלעם איז שוין נישט געווען נאר וויפיל ער טרינקט. דער פראבלעם איז געווען אז ער האט פארלוירן די יכולת צו מחליט זיין צי ער וועט טרינקען. ער האט נאך אלץ אויסגעקליבן וועלכע פלאש, וועלכע כוס, און וועלכע צייט, ממילא האט אים אויסגעזען אז ער איז נאך אין קאנטראל. אבער די עיקר החלטה איז שוין נישט געווען אין זיינע הענט. ווען דער רגע איז געקומען, האט ער געמוזט טרעפן א סיבה צו טרינקען. אויב עס איז נישט געווען קיין סיבה, האט ער אליין געמאכט איינס: איינער האט אים געטשעפעט, דער טאג איז געווען שווער, מארגן וועט זיין שווער, אדער ס'קומט אים אביסל מנוחה. דער משקה איז געווארן דער בעל־הבית, און ער איז געווארן זיין מסביר.

**אלעס האט אנגעהויבן פאלן**

דער ביזנעס האט אויך אנגעהויבן פאלן. פון אינדרויסן איז נישט געשען איין גרויסער חורבן. עס זענען געווען אסאך קליינע שלעכטע החלטות. ער איז שפעט געקומען צו א מיטינג, פארגעסן צוריקצורופן א טעלעפאן, געטרויעט איינעם וועמען מען האט נישט געדארפט געטרויען, און געקויפט סחורה אָן גוט נאכקוקן. אינדערפרי איז ער געווען מיד און צעמישט, און נאכמיטאג איז ער געווארן בייז אויף די ארבעטער.

אנשטאט מודה זיין אז זיין קאפ איז נישט קלאר, האט ער מחליט געווען אז אלע ארום אים זענען שולדיג: דער שותף איז נישט געטריי, די ארבעטער זענען פויל, די קאסטומערס זענען כפויי טובה, און די שטוב געבט אים נישט קיין מנוחה.

אין שטוב איז געווארן שווער צו רעדן מיט אים. די קינדער האבן זיך אויסגעלערנט נאכצוקוקן זיין פנים ווען ער קומט אריין: איז טאטע רואיג? איז ער נערוועז? איז בעסער יעצט גארנישט צו בעטן? זיין ווייב האט פרובירט צו רעדן ווייך, דערנאך שטערקער. ער האט געהערט יעדן זאץ ווי אן אטאקע. אמאל האט ער צוגעזאגט אז פון מארגן וועט ער אינגאנצן אויפהערן, און דעם אנדערן טאג האט ער געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט צוגעזאגט אזא זאך. אמאל האט ער זיך שטארק געשעמט פון וואס ער האט געזאגט ביינאכט, אבער אנשטאט בעטן מחילה, האט ער געטראפן עפעס א פרישע טענה. די בושה אליין האט אים צוריקגעשטופט צום כוס.

א גוטער חבר האט אים אמאל אפגעכאפט נאך מעריב. זיי זענען געשטאנען אין א זייט. דער חבר האט נישט פארלאנגט. ער האט שטיל געזאגט: ,,איך זע אז דו ליידסט. איך זע אויך אז דיין שטוב ליידט.'' ער איז געווארן בייז, אויפגעשטאנען און אוועקגעגאנגען. אבער די ווערטער זענען געבליבן. עטליכע וואכן שפעטער האט נאך א חבר גערעדט מיט אים, און דערנאך א בן משפחה. יעדער איינער האט געזען א אנדערע חלק, און אלע האבן געזאגט כמעט דאס זעלבע: דו ביסט נישט קיין שלעכטער מענטש, אבער דו קענסט נישט אזוי ווייטערגיין.

איין טאג האט ער געמאכט א שלעכטע ביזנעס־החלטה און פארלוירן א סכום וואס ער האט זיך נישט געקענט ערלויבן צו פארלירן. יענע נאכט האט ער געטרונקען מער ווי געווענליך, געפאלן אין שטוב, און זיך דערשראקן פון דעם בליק אין זיינע זונס אויגן. דאס קינד האט נישט געשריגן. ער האט נאר געקוקט. אין יענעם בליק האט דער טאטע געזען אלעס וואס ער האט פרובירט נישט צו זען. דעם אנדערן טאג האט ער גערופן דעם ערשטן חבר און געזאגט: ,,איך דארף הילף.'' דער חבר האט נישט געפרעגט קיין שאלות. אין געציילטע טעג האט מען אים מסדר געווען א פלאץ אין א ריהעב אין פלארידע, א פלאץ וואו מען באהאנדלט עדיקשן.

אויפן וועג צום עירפארט האט ער נאך אלץ געטראכט צוריקצוגיין. ער האט זיך געזאגט אז אפשר איז גענוג איין וואך מנוחה, אפשר איז גענוג א פריוואטער דאקטער, אפשר קען מען אלעס מסדר זיין אָן דעם וואס איינער זאל וויסן. אבער דאס מאל האט ער זיך מקבל געווען איין זאך: פאלגן. נישט ווייל יעדער אין יענעם פלאץ איז קליגער פון אים, נאר ווייל זיין אייגענער שכל האט יארן לאנג געדינט דעם משקה. ער האט געקענט מסביר זיין יעדע זאך און מצדיק זיין יעדע כוס. אויב ער וויל ארויסגיין, מוז ער אויפהערן זיין דער איינציגער פוסק פאר זיך אליין.

**די נסיעה קיין פלארידע**

ער איז געקומען קיין פלארידע נישט אויף וואקאציע, נאר כדי אנצוהייבן לעבן מיטן אמת. ווייטקייט פון דערהיים היילט נישט. א מענטש קען אנטלויפן ביזן עק וועלט, און מיטברענגען מיט זיך דעם גאנצן אלטן מענטש. אבער די ווייטקייט האט אים געגעבן: א הפסק פון דער גאס, פון די חברים, פון די הרגלים, און פון דער מכובד'דיגער צורה אין וועלכער ער האט זיך באהאלטן.

די ערשטע טעג זענען געווען 'דיטאקס', מעדיצינישע אפשיידן פון אלקאהאל. זיין גוף האט געציטערט, זיין שלאף איז צעבראכן געווארן, כוואליעס פון שווייס איז אים געקומען, זיינע מחשבות זענען געלאפן. די שטאב האט אים נאכגעקוקט און זיכער געמאכט אז די אפטיילן זאל זיין פארזיכערט. ער, וואס איז געווען געוואוינט צו פירן אלעס, האט פלוצלינג געדארפט בעטן רשות אויף יעדע זאך. עס האט אים משפיל געווען, אבער אין דער השפלה איז געווען עפעס א לייכטקייט. צום ערשטן מאל אין יארן האט ער נישט געדארפט באהאלטן קיין פלאש, רעכענען וויפיל עס איז געבליבן, אדער אויסטראַכטן א מעשה.

דערנאך האט זיך אנגעהויבן דער סדר היום: דאווענען, עסן, זיין צוזאמען מיט א גרופע, א פריוואטע שמועס, א שיעור וועגן עדיקשן, גיין שפאצירן, און ווידער א גרופע. מען האט דארט גערעדט וועגן די צוועלף סטעפס. אנפאנג האט אים די שפראך געשטערט. עס זענען דארט געווען מענטשן פון אלע סארטן, און די ווערטער האבן נישט געקלונגען ווי זיין בית המדרש. אבער ווען ער האט זיך צוגעהערט גוט, האט ער אנגעהויבן הערן אין די ווערטער יסודות וואס ער האט געקענט: מודה זיין, גלייבן אין א כח העכער פון זיך, חשבון הנפש, תשובה אויף נעכטן, בעטן מחילה, תפלה, און נוצן דעם אייגענעם נסיון צו העלפן א צווייטן.

ער האט אנגעפאנגן מכבד צו זיין זיין נשמה. מודה זיין אז ער איז נישט אין קאנטראל. „איך בין נישט אין קאנטראל פונעם משקה". די הודאה דאס איז דער פלאץ וואו די בחירה קומט צוריק. אזוי לאנג ווי ער האט געלייקנט „איך קען אויפהערן ווען איך וועל נאר וועלן," האט גארנישט געארבעט. די רגע וואס ער האט מודה געווען אז „ווען איך הייב אן, ווייס איך נישט ווי אזוי עס אפצושטעלן," האט זיך די זאך אנגעהויבן ריקן.

דעם געדאנק פון א העכערן כח האט מען אים נישט געדארפט לערנען. ער גלייבט דאך אין השם יתברך. די שוועריקייט איז געווען ארייצולאזן די אמונה, אריין אין די פלאץ פון זיינע בושות. יארן לאנג האט ער געדאווענט בשעת ער האט געהאלטן א באהאלטענע פלאש. ער האט עס באהאלטן פון זיך אליינס. יעצט האט ער זיך אויסגעלערנט זאגן פשוט: רבונו של עולם, ס'ציט מיר צו טרינקען. איך קען נישט אריבערגיין דעם רגע. געב מיר כח זיך איינצוהאלטן, שיק מיר איינעם מיט וועם איך קען רעדן. דאס איז נישט געווען קיין הויכע השגה. דאס איז געווען אמונה וואס קומט אריין אין למעשה.

**דער כח העכער פון אים**

אין יענעם פלאץ האט ער געזוכט א מענטש מיט וועמען ער קען רעדן אין זיין אייגענע שפראך. נישט קיין בארימטער מענטש צו וועמען עס איז שווער אנצוקומען, נאר סתם א ערליכע איד וואס פארשטייט נסיונות החיים, מיט א חסידישע הארץ, איינער וועם ער קען זאגן דעם אמת אָן שפילן. ער האט געטראפן דארט אין פלארידע א חב"ד שליח. דער חב"ד שליח איז נישט דערשראקן פון זיינע נפילות. ער האט אים געזאגט: „אויב דו וועסט באהאלטן דיין עדיקשן, וועט עס פירן דיין לעבן. א מענטש דארף אמאל די אויגן פון א צווייטן".

ער האט אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש. א פשוטער בירור: אויף וועמען בין איך בייז? פון וועמען האב איך מורא? צו וועמען האב איך געזאגט ליגנט? וועמען האב איך געשעדיגט? וועלכע מעשה דערציייל איך מיר אליינס כדי צו בלייבן גערעכט? יעדע נאכט האט ער געשריבן אביסל. די נעכטן קען מען נישט אויסמעקן, אבער מען מוז ענטפערן דערויף. אָן תשובה האט א מענטש נישט קיין פלאץ זיך צו רירן

ער האט אנטדעקט אז עדיקשן איז נישט נאר ליב האבן משקה. עס איז א גאנצע וועג ווי אזוי צו אנטלויפן פון ווייטאג, איינזאמקייט, כעס, פחד. אויב מען נעמט אוועק די פלאש, בלייבט אנדערע וועגן צו אנטלויפן. דער מענטש וועט טרעפן: עסן, איינקויפן, געמבלינג, ארבעטן אן א גבול, טעקנאלידזשי, כעס, אדער א צורך צו קאנטראלירן יעדעם. זיין מעשה איז טאקע געווען אלקאהאל, דאס האט מען באהאנדלט דיירעקט. אבער דער יסוד רירט אָן יעדער עדיקשן: א חיצוניות'דיגע זאך ווערט דער קבועות'דיגער וועג פונעם מענטש, צו אנטלויפן און נישט צו שפירן זיין לעבן.

ער האט גע'חזר'ט די חסידישע יסוד פון 'דעת'. וויסן אליינס טוישט נישט א מענטש. יארן לאנג האט ער געוואוסט אז טרינקען שאדט. ס'פעלט זיך אויס 'דעת', א ידיעה וואס ווערט איינגעזאפט אין די אברים. ווי א בעל מלאכה א מומחה, וואס שפירט אין די הענט וואס איז ריכטיג צו טון. יעדעס מאל וואס ער האט גערעדט אין זיין גרופע, יעדן אוונט וואס ער איז אריבער אָן א כוס, איז די ידיעה געווארן אביסל מער איינגעזאפט אין זיך. טאג נאך טאג האבן הארץ און גוף אנגעהויבן וויסן וואס דער מוח האט שוין לאנג געוואוסט.

דער ספאנסער, דער מענטש וואס האט אים באגלייט א גאנצע צייט, האט אים אויסגעלערנט אז ס'נעמט אסאך צייט, גארנישט גייט נישט שנעל. פארביר נישט אויסצולייזן דיין גאנץ לעבן אין איין אינדערפרי. „היינט טרינק נישט. מארגן וועלן מיר רעדן פון מארגן." אנפאנג האט עס געקלונגען צו קליין. ער האט געוואלט א הבטחה אז ער וועט קיינמאל נישט פאלן. שפעטער האט ער פארשטאנען אז דאס איז א קליינער פתח צו א גרויסן בנין. איין טעלעפאן־קאל, איין הודאה, איין קורצע תפלה, איין גוטע החלטה, איז גענוג צו געבן קשר צום אמת'ן לעבן.

**פארוואס ער איז נישט געבליבן אינדערהיים**

נאך עטליכע וואכן האט ער זיך געפרעגט א ווייטאגליכע קשיא: פארוואס האב איך געדארפט קומען ביז פלארידע? איך האב געהאט א חסידישע שטוב, א בית המדרש, תפלה, ספרי חסידות, און גוטע חברים. אלע יסודות וואס מען לערנט דא געפינען זיך ביי אונז.

דער ענטפער איז נישט געווען אז עפעס האט געפעלט אינדערהיים. דער חסרון איז געווען אז ער האט געקענט אלעס הערן און רעדן, אבער אָן ארייננברענגען זיי אין זיך. אינדערהיים האט ער זיך געקענט באהאלטן אין זיין מכובד'דיגע צורה. דא האט מען אים אראפגענומען די מעגליכקייט צו אנטלויפן פון די נקודה.

השם יתברך געפינט זיך איבעראל, אבער אמאל מוז א מענטש ארויסגיין פון די באקאנטע סדר היום זיינער, צו זען וואס ס'טוט זיך מיט אים. ער האט געדארפט א שטארקן חיצוניות'דיגן סדר, ביז ער האט געקענט בויען א אינערליכע סדר. ער האט געדארפט מענטשן וואס פרעגן יעדן טאג צי ער האט געטרונקען, גרופס וואו זיין 'אימידזש' מאכט נישט קיין רושם, און רגעים וואו מען מוז זאגן הויך דאס וואס מ'האט יארן באהאלטן. שפעטער האט ער געקענט אהיימקומען און אנטדעקן אז די כוחות וואס ער האט דארט באקומען געהערן באמת צו זיין אייגענער שטוב.

נאך דער פארמאכטער תקופה איז ער אריבער צו סאָבער־ליווינג, א מסודר'דיגע וואוינונג ריין פון משקה. בייטאג איז ער נאך געגאנגען צו טיפול, און ביינאכט איז ער צוריקגעקומען צו די געדינגענע הויז, מיט כללים, טעסטס, און חברים אין דעם זעלבן נסיון. דאס איז געווען אזא מדריגה צווישן פולשטענדיגע שמירה און א געווענטליכע לעבן. ער האט זיך געלערנט קויפן אין א געשעפט, אָן דורכגיין אלע שעלף, זיך באטייליגן ביי א שמחה אָן טועם זיין, הערן א שווערע בשורה אָן אנטלויפן, און צוריקקומען צו זיין צימער, צו זיך אליין, אפילו ס'איז שווער.

אנפאנג איז דער עיקר געווען נישט צו טרינקען. שפעטער האט ער געדארפט מתקן זיין די באציאונגען אין שטוב. ער האט אנגעהויבן אויסהערן זיין ווייב אָן גלייך מסביר זיין פארוואס זי איז נישט גערעכט. ער האט געהערט וויפיל פחד ער האט ארייינגעברענגט אין שטוב, און וויפיל מאל די קינדער האבן נישט געוואוסט וועלכער טאטע וועט ארייינקומען דורך דער טיר. ער האט נישט געקענט פארלאנגען אז מען זאל אים גלייך געטרויען. אמון איז נישט קיין דרשה; עס זאמלט זיך פון קליינע מעשים: א טעלעפאן־קאל אין צייט, א הבטחה וואס ווערט מקוים, אן אוונט וואו ער איז באמת אנוועזנד, און נאך א טאג וואו ער באהאלט נישט.

ער איז אויך צוריקגעקומען צו תפלה. אין דער פארגאנגענהייט האט ער אמאל געזוכט א שטארקע תפלה, מיט גרויסע הרגשה. יעצט האט ער געוואלט פשוטקייט: שטיין, זאגן די ווערטער, בעטן הילף פאר דעם היינטיגן טאג. ביסלעכווייַז איז תפלה געווארן דער פלאץ וואו ער דארף זיך גארנישט באווייזן, נאר זיין א א אמת'ע נצרך פאר השם יתברך.

**שבת אן וויסקי**

נאכן צוריק קומען צו זיין בית מדרש, דער ערשטער שבת אָן וויסקי איז געווען שווערער ווי ער האט זיך פארגעשטעלט. יעדע תנועה האט אים דערמאנט די כוס: דער אלטער טעם פון קידוש, די שמועסן מיט די חברים, די טרונקן ביי סעודה, און די טרונקן אין די בהאלטענע צייטן. אנפאנג האט ער מורא געהאט אז יעדער קוקט אויף אים. נאכדעם האט ער געכאפט אז רוב מענטשן זענען פארנומען מער מיט זיך אליין. איין חבר איז צוגעקומען, אים אנגעגאסן א גלעזעל סאודע, און געזאגט לחיים. יענעם רגע האט ער פארשטאנען אז טרינקען לחיים קען מען אויף יעדער געשמאקע משקה. אלקהאל איז קיינמאל נישט נתקדש געווארן פאר א עצם. דער עיקר איז די קירוב הלבבות, די ברכה, און דאס גוט ווארט.

ער האט נישט געקוקט שלעכט אויף די וואס טרינקען. אנדערע האבן געקענט נעמען א כוס. ער נישט. זיין הכרה האט אים מחייב געווען צו היטן דאס לעבן וואס השם יתברך האט אים געגעבן. ווען ער האט געזאגט לחיים אויף א גלעזל סאודע, געגעבן א איד די האנט און אים באמת געזאגט 'מזל טוב' און געבענטשט, האט ער געשפירט אז ער האט נישט פארלוירן די נקודה, אדרבה, ער האט איר געטראפן. ער האט אויפגעהערט מקדש זיין די חיצוניות, דעם וויסקי, און אנגעהויבן היטן די פנימיות וואס די חיצוניות האט געדארפט דינען.

מיט דער צייט האט מען אים געבעטן רעדן מיט נאך א יונגערמאן וואס איז ארייינגעפאלן אין צרה. ער האט אים נישט געגעבן קיין לאנגע דרשות. ער האט פשוט דערציילט וואס ער אליין איז אדורך, ווי אזוי ער האט באהאלטן א פלאש, ווי אזוי ער האט באשולדיגט יעדן, און ווי אזוי ער האט געמאכט דעם ערשטן טעלעפאן־קאל. דער יונגערמאן האט געהערט איינעם וואס דערשרעקט זיך נישט פון אים, איז אים שוין לייכטער געווארן.

נאך א שטיק צייט האט ער, צוזאמען מיט אנדערע, געעפנט א מסודר'דיגע אידישע ריהעב. א חרדי״שע ריהעב: כשר עסן, שבת, זמני תפלה, צוגעפאסט פאר איינער וואס קומט פון א חרדישע שטוב. ער האט ארייינגעברענגט דארט באקאנטע חסידישע יסודות: די נשמה איז גרעסער פון דער נפילה; א 'ידיעה' מוז אראפגיין אין הארץ; תשובה עפנט נייעם טאג; התקשרות צו א גוטער יוד קען ראטעווען; און תפלה איז דער פלאץ וואו אלע הבנות ווערט למעשה.

ער האט קיינמאל נישט געזאגט אז ער האט מנצח געווען איינמאל פאר אלעמאל. יעדן אינדערפרי האט ער געוואוסט אז די מחלה פארשווינדט נישט ווייל יארן זענען אריבער. אבער ער האט אויך נישט געלעבט אין פחד. ער האט געהאט השם יתברך, משפחה, חברים, סדר, תפלה, און נסיון החיים וואס איז איינגעזאפט געווארן אין זיינע אברים.

אמאל האט ער געמיינט אז חירות מיינט אז ער קען טרינקען ווי יעדער איינער. היינט האט ער געוואוסט אז חירות מיינט אז ער מוז נישט טרינקען. אמאל האט ער געמיינט אז כח מיינט באהאלטן שוואכקייטן. היינט האט ער געוואוסט אז כח מיינט זאגן דעם אמת אין צייט. אמאל האט ער געזוכט אין דער כוס ווארעמקייט, מנוחה און קשר. יעצט האט ער זיי געטראפן אין א שמועס מיט זיין ווייב, אין לערנען, אין תפלה, אין רעדן מיט א חבר, און אין העלפן א צווייטע איד.

און ווען מענטשן האבן אים געפרעגט ווי אזוי מען טוט דאס, האט ער געגעבן א פשוטע ענטפער: א מענטש גייט נישט ארויס פון זיינע שוואכקייטן אליינס, אבער א צווייטער קען אויך נישט ארויסגיין אנשטאט דיר. די מוזט עפענען א קליינע טיר, זיך איבערגעבן פאר השם יתברך, זאגן דעם אמת צו א נאמן'דיגע חבר, און טון היינט עפעס וואס איז ריכטיג יעצט. מארגן הייבט זיך אן די נסיונות נאכאמאל. אזוי לעבט מען: נאך א אמת, נאך א תפלה, נאך א טובה פאר א איד, און נאך א טאג.